# זכר מלמדים לברכה

לעכטיגע זכרונות, הדרכות און הנהגות פון אונזערע אַמאָליגע געהויבענע מלמדים זכרונם לברכה

**שמואל שלמה טעללער**, קרית יואל

**טייערע אנ"ש חברי "אהבת קדומים"**
ביטע רופט אַריין 845.783.0735
**און גיבט איבער זכרונות פון אייערע אַמאָליגע מלמדים**
לאָזט אויך איבער אייער נאָמען און טעל. נומער אַז מיר זאָלן אייך קענען צוריקרופן אויב ס'פעלט אויס
**מיט דאַנק פון פאָראויס – וזכות הרבים תלוי בכם**



## הרב החסיד המרומם רבי יקותיאל זלמן בינער זללה"ה

**מרביץ תורה ומנהל רוחני במוסדות סאטמאר**

ג

### היינט איז די תורה אין סאטמאר!

אין איינע פון די ערשטע יארן איז דאן געקומען פאראהרן אין די תלמוד תורה הגאון הגדול המפורסם **רבי חיים קרייזווירטה זצ"ל אבד"ק אנטווערפן**, וועלכער איז אויפ'ן באפעל פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע געקומען פאראהרן אין די תלמוד תורה.

ביים פאראהרן די עלטערע כתה אין די תלמוד תורה, דעם חדר פון ר' זלמן ז"ל איז ער פשוט ארויס פון התפעלות. ער האט אנגעהויבן צו פאראהרן די קינדער די גמרא, און זעענדיג ווי גוט זיי קענען האט ער ווייטער פאראהרט די תוספות'ן. זעענדיג אז אויך תוספות איז ביי זיי נאטירליך, האט ער געזאגט פאר די קינדער אז ער גייט פרעגן קשיות פונעם מהרש"א און פון די אנדערע גדולי מפרשים, וואס זיי דארפן נישט וויסן צו ענטפערן, אבער צו זיין גרויס וואונדער האבן די קינדער אלעם גלייך געוואוסט צו ענטפערן.

פון גרויס התפעלות פון דעם וואס ר' זלמן לייגט אריין אין די קינדער, האט דער אנטווערפענער רב זצ"ל זיך אויסגעדרוקט שפעטער ביי אן עפנטליכע געלעגנהייט: אמאל איז די תורה געווען אין די ליטא, היינט - האט ער געזאגט - איז די תורה אין סאטמאר!

### אלע זייטיגע השלמות פון תלמידי חכמים

דאס איז געווען אין צוגאב וואס ר' זלמן ז"ל האט מיט זיינע תלמידים געלערנט פילע אנדערע לימודים. מיט זיין רייכן חוש הדיבור האט ער באוויזן אריינצושטופן בין הסדרים נאך פילע אנדערע לימודים, אין וואס די תלמידים האבן ארויסגעוויזן שטארקע אינטערעסע, צי עס זאל זיין חשבון, מעביר סדרה זיין, סיפורי צדיקים, לוח המולדות, און אזוי אנדערע ענינים, וואס די קינדער האבן צוגעלערנט אין צוגאב צו די געוועונליכע לימודים.

ער האט דארט אין אנטווערפן אנגעפירט די גאנצע תלמוד תורה, און ביי סיי וועלכע יארגאנג עס האט זיך נאר אויסגעפעלט איז ר' זלמן ז"ל געווארן דער מלמד. ווען עס איז אנגעקומען קיין אנטווערפן א צווייטער מלמד וועלכער איז אויך געווען פאסיג פאר די עלטערע תלמידים, און עס האט זיך דאן אויסגעפעלט א מלמד פאר מער יונגערע תלמידים, איז ר' זלמן ז"ל שטענדיג געווען גרייט אפצוטרעטן פון די כתה וואו ער האט דעמאלט געדינט אלס מלמד.

ביי ר' זלמן ז"ל איז נישט געווען אזא זאך אז ער זאל אינזינען האבן פאר זיין הנאה. זיין שטענדיגער ציל איז נאר געווען דער תכלית פון די תלמידים און פון די תלמוד תורה, און עס איז ביי אים נישט געווען קיין נפקא מינא צי ער איז א מלמד אין כתה ט' צו א דרדקי מלמד אין כתה א', אלעס איז ביי אים געווען גלייך, און בעיקר אז צו אלעם האט ער געטויגט. אין יעדע כתה איז ער געווען פאסיג אלס מלמד מיט גרויס הצלחה.

ער האט דארט אין אנטווערפן אפילו אויך געדינט א שטיק צייט אלס נוירסערי מלמד. טראצדעם וואס זייענדיג א תלמיד חכם מופלג, און מיט זיינע שטארקע כשרונות האט ער געקענט דינען אלס מלמד פאר עלטערע תלמידים, האט ער אבער נישט געקוקט אויף דעם אלעם, און אז עס האט זיך אויסגעפעלט אין די תלמוד תורה, האט ער דאס אויך אנגענומען צו זיין דער מלמד פאר די יונגערע קינדער.

### ומקרבן לתורה

א פרשה פאר זיך איז געווען דער עבודת הקודש פון ר' זלמן ז"ל אין די זומער וואכן, ווען ער האט אנגעפירט אין אנטווערפן די בארימטע 'קאלאניע' פון די סאטמארער תלמוד תורה. דארט אין די קאלאני האט ר' זלמן ז"ל געטראפן א ברייט פעלד וואו אויפצוטון פאר חינוך הבנים. אין די צייט וואס א גאנץ יאר איז דער חדר באשטאנען בעיקר פון די קינדער פונעם היימישן ציבור חסידים ואנשי מעשה אין די שטאט, וויילענדיג אבער די עטליכע וואכן אין קעמפ, האבן אויך פילע שוואכערע אידן געשיקט זייערע קינדער אין קעמפ אריין, און דאס האט צוגעברענגט אז זיי זענען דארט אין קעמפ שטארק דערהויבן געווארן, וואס האט איבערגעלאזט אויף זיי א רושם אדיר אויף זייער גאנץ לעבן. פילצאליגע אידן וועלכע זענען היינט חסידים ואנשי מעשה מופלגים, איז דאס אלעס צו פארדאנקן די צייטן וואס זיי האבן זיך געפונען אין קעמפ אונטער ר' זלמן ז"ל, וואס דאס האט זיי אריינגעברענגט א רוח חסידות ומרומם אויף זייער גאנץ לעבן.

פון די אנדערע זייט זענען היינט דא פילע אידן וועלכע זענען נישט אויסגעשטיגן צו זיין דייקא חסיד'ישע אידן, זיי זענען אבער פארבליבן ביי אידישקייט אין פולן זין פון

ווארט, אלעס אדאנק דעם וואס זיי זענען געציילטע וואכן אויפגעצויגן געווארן אונטער די הדרכה פון ר' זלמן ז"ל.

אין קעמפ האט ר' זלמן ז"ל אויסגענוצט די געלעגנהייט נאך מער ווי א גאנץ יאר. ער האט גערעדט צו די קינדער מיט א געוואלדיגן ברען, ער האט פארציילט סיפורי צדיקים, ער האט געלערנט מיט זיי פארשידענע לימודים, ער האט געפראוועט מיט זיי גאר געהויבענע שבתים, ער האט מיט זיי שפאצירט לאנגע שטרעקעס וואס ער האט אויסגענוצט זיי צו פארציילן הערליכע סיפורים, און אפילו ביי די שפילן אין קעמפ האט ער זיך געפונען צוזאמען מיט זיי, און אזוי האט ער באוויזן צו ציען די אלע קינדער צו זיך, אז ביז צום היינטיגן קענען זיי דאס נישט פארגעסן.

איינער פון די מער מאדערנע קינדער וועלכע זענען דעמאלט אויפגעוואקסן אונטער די הדרכה פון ר' זלמן ז"ל דערציילט, אז ביז היינט ווען עס קומט די ניין טעג ווען אידן זענען מתאבל אויף חורבן ירושלים, שווימט אים ארויף אין זכרון דער געוואלדיגער התרגשות מיט וואס ר' זלמן ז"ל האט געוויינט אין די טעג אויף חורבן בית המקדש, און דאס איז אים שטארק מעורר נאך היינט א צייט פון פערציג פופציג יאר שפעטער!

## למען ירבו ימיכם... על הארץ...

איינער פון די קינדער וועלכער האט געלערנט ביי ר' זלמן ז"ל אין די קאלאני פארציילט, אז ווען ער איז אלט געווען פינף יאר אלט האבן אים זיינע עלטערן שוין געשיקט צו די קאלאניע, און ער איז דארט אויפגעוואקסן ביי ר' זלמן. ווי נאטירליך זייענדיג אזוי יונג האט ער זיך שטארק געבענקט צו זיינע עלטערן און צו זיין היים. איין נאכט האט דער קינד זיך אראפגעלייגט אויף דער ערד, און געוויינט א לאנגע צייט פון גרויס בענקשאפט.

ר' זלמן ז"ל מיט זיין געטרייע ליבשאפט, האט זיך זעלבסט אראפגעלייגט אויף דער ערד נעבן דעם קינד, ער האט גערעדט צו אים הארציג, און אים צוגעזאגט אז וואס ער וויל וועט ער אים צושטעלן. דאס קינד איז פשוט צוגעצויגן געווארן צו ר' זלמנ'ען, און זעענדיג די אהבה וחיבה וואס ר' זלמן צייגט אים ארויס, איז ער געווארן זיין באליבטער תלמיד, און ער האט דורכגעמאכט דעם זומער מיט גרויס אהבה.

פופציג יאר איז שוין אריבער פון דעמאלט - פארציילט דער תלמיד - און איך געדענק עס נאך ביז איצט!

## איש האשכולות "רבי זלמן בינער"

עס איז גאר שווער זיך מצמצם צו זיין אין די ראמען פון איין מאמר ארויסצוברענגען דעם פילפארביגן געשטעלט פון 'ר' זלמן בינער', ער איז געווען: א תלמיד חכם מופלג ובקי בכל מכמני תורה; א משמח אלקים ואנשים; אן עסקן נמרץ לכל דבר שבקדושה; אן אוהב שלום ורודף שלום; א משכין שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו; א בעל מדות תרומיות; א זעלטן בא'טעמ'טער מענטש; א פייערדיגער חסיד'ישער איד, און מוכתר ומעולה בכל מעלה ומדה טובה שמנו חכמים. ועל כולם האט ארויסגעשיינט זיין עבודת הקודש בעניני חינוך אין וואס ער האט עוסק געווען אריבער א יובל יארן, כולם שוין לטובה, זייענדיג א געטרייער טאטע פאר די טויזנטער תלמידים וועלכע זענען דורך אים נתחנך געווארן.

ר' זלמן ז"ל איז געווען אן אייגנארטיגער איד. זיין גאנצער מהות איז געווען אייגנארטיג, און נאך פיל מער איז געווען זיין דרך אין חינוך וואס איז געווען שטארק אייגנארטיג. ר' זלמן ז"ל האט זיין דרך אין חינוך נישט געלערנט ביי קיינעם, ער האט נישט געברויכט צוקומען דערצו. פון הימל איז ר' זלמן ז"ל געווען באשאנקען מיט א זעלטענעם חוש, צו פארשטיין דאס פנימיות פון קינדער בכלל, און בפרטיות פון יעדעס קינד וואס איז דורך אים נתחנך געווארן. אן קיין וויסנשאפטליכע חכמה, און אן דעם וואס ער זאל דאס האבן אמאל שטודירט, האט ער פארשטאנען דעם תכונת הנפש פון קינדער אין יעדן עלטער, און אויף דעם דרך האט ער איינגעשטעלט א זעלטענעם חינוך סיסטעם, וואס איז באוואונדערט געווארן דורך די גרעסטע עקספערטן.

צווישן די אנטווערפענער אידן געדענקט זיך גוט, ווי ר' זלמן ז"ל פלעגט יעדן מקרב זיין מיט אזא ליבליכקייט און פריינטליכקייט. ווען עס איז נאר אמאל געקומען וואוינען קיין אנטווערפן א פרעמדער יונגערמאן וועלכער האט חתונה געהאט אהין, האט אים ר' זלמן ז"ל אויסערגעווענליך מקרב געווען. ער איז צוגעגאנגען צו אים און אים געזאגט: האסט נישט דא קיין קרובים, קום צו מיר, איך וועל דיר אלעס צושטעלן. און ער האט דאס געמיינט מיט אן אמת. יעדער האט זיך געפילט פריי צו קענען קומען רעדן, זיך אויסרעדן און זיך דורכשמועסן מיט ר' זלמן ז"ל אין סיי וועלכן ענין, און ער איז געווען ווי א געטרייער טאטע פאר אומצאליגע אידן פון די שטאט.

ער האט דארט אין די שטאט, און אזוי אויך אלע יארן שפעטער געהאט אן אפענע שטוב. אומצאליגע אורחים זענען ביי אים איינגעשטאנען, און מיט זיין רוח מעודד האט ער אריינגעברענגט צווישן די אורחים א געפיל אז זיי טוען אים גאר א טובה מיט דעם וואס זיי האלטן זיך אויף ביי אים. ווען איינער פון די אורחים וועלכער איז איינגעשטאנען ביי אים א לאנגע צייט, האט שוין נישט אזוי גערן געוואלט קומען צו אים. עס האט אים אויסגעקוקט ווי ער איז שוין צו לאסט אין שטוב פון ר' זלמן, האט אים ר' זלמן געזאגט מיט א ווערטל, אז מיט דעם וואס ער קומט נישט צו אים, שטערט ער אים פשוט דעם שלום בית 'מיין ב"ב מיינט אז זי קאכט נישט גוט און וועגן דעם ווילסטו נישט קומען' - האט ער אים געזאגט. ווען יענער האט דאס געהערט, האט ער שוין געמוזט מסכים זיין ווייטער צו קומען, און ווילאנג עס האט זיך אים אויסגעפעלט איז ער פארבליבן ביי אים אין שטוב.

די אלע אידן וואס האבן זיך ביי אים אויפגעהאלטן צוגאסט, רעדן אלע מיט גרויס נאסטאלגיע פון די זיסע שבתים וואס זיי האבן ביי אים מיטגעלעבט. ער האט געפראוועט די סעודות מיט א זעלטענעם התרוממות, מיט זמירות שירות ותשבחות, דברי תורה וסיפורי צדיקים וואס זיי קענען אלע שווער פארגעסן דערפון.

ביי א געלעגנהייט האט הרה"ק **רבי יאנקעלע מפשעווארסק זצ"ל** זיך אויסגעדרוקט אויף ר' זלמן ז"ל: **"ר' זלמן איז מיר א ידיד, לדעתי וועט ער זיין מיין שכן אין גן עדן"**.

פאַרזעצונג קומט אי"ה